בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די
זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א,
שבת קודש פרשת חקת, שנת תשפ"א לפרט
קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי
יע"א. ביים שיעור אין ספר הקדוש פעולת
הצדיק און ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

**שבת קודש פרשת חקת, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית, האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט הערליכע דברי התחזקות, געבויעט אויף די וואכעדיגע סדרה.**

## ארויפקוקן צום אייבערשטן

דער פסוק דערציילט (במדבר כא, ה-ט) אז די אידישע קינדער האבן געהאט טענות אויפ'ן אייבערשטן און אויף משה רבינו, זיי האבן זיך אפגערעדט: "לָמָה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם", פארוואס האט עטך אונז ארויפגעברענגט פון מצרים, "לָמוּת בַּמִּדְבָּר", צו שטארבן אין דעם מדבר, "כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם", וואו עס איז נישט דא קיין ברויט און וואסער, "וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל", און אונזער זעהל איז פאר'מיאוס'ט דורך דעם גרינגען ברויט, דאס מיינט אז דער מן איז נישט אזוי ווי געווענליכע עסנווארג וואס נאכדעם וואס מען עסט דאס אויף גייט א גרויס חלק דערפון ארויס פונעם קערפער, דער מן איז אנדערש, דאס ווערט איינגעזאפט אינעם קערפער און בלייבט דארט שטענדיג, האבן זיי מורא געהאט אז עס וועט קומען א צייט וואס דער מן וועט ווערן אויפגעבלאזן אין זייער קערפער און זיי וועלן שטארבן דורך דעם. דערציילט דער פסוק: "וַיְשַׁלַּח ה' בָּעָם אֵת הַנְּחָשִׁים הַשְּׂרָפִים", דער אייבערשטער האט אנגערייצט אין דעם פאלק די ברענעדיגע שלענג, שלענג וואס פארברענען דעם מענטש דורכ'ן גיפט וואס זיי האבן צווישן זייערע ציינער, "וַיְנַשְּׁכוּ אֶת הָעָם וַיָּמָת עַם רָב מִיִּשְׂרָאֵל", און זיי האבן געביסן דעם פאלק און עס זענען געשטארבן א גרויסע טייל פונעם פאלק; זענען די אידן געקומען צו משה רבינו און געזאגט: "חָטָאנוּ כִּי דִבַּרְנוּ בַה' וָבָךְ", מיר האבן געזינדיגט אז מיר האבן גערעדט אויפ'ן אייבערשטן און אויף דיר, "הִתְפַּלֵּל אֶל ה' וְיָסֵר מֵעָלֵינוּ אֶת הַנָּחָשׁ", בעט דעם אייבערשטן ער זאל אפטון פון אונז דעם שלאנג, האט משה רבינו מתפלל געווען צום אייבערשטן. האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו: "עֲשֵׂה לְךָ שָׂרָף", מאך פאר דיר

א געשטאלט פון א ברענעדיגן שלאנג, "וְשִׂים אֹתוֹ עַל נֵס", און לייג אים ארויף אויף א שטאנג, "וְהָיָה כָּל הַנָּשׁוּךְ וְרָאָה אֹתוֹ וָחָי", און עס וועט זיין יעדער וואס גייט ווערן געביסן זאל ער זען דעם שלאנג אזוי וועט ער בלייבן לעבן. זאגט די תורה: "וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה נְחַשׁ נְחֹשֶׁת וַיְשִׂמֵהוּ עַל הַנֵּס", משה האט געמאכט א שלאנג פון קופער און עס ארויפגעלייגט אויף דעם שטאנג, "וְהָיָה אִם נָשַׁךְ הַנָּחָשׁ אֶת אִישׁ וְהִבִּיט אֶל נְחַשׁ הַנְּחֹשֶׁת וָחָי", און עס פלעגט זיין אויב דער שלאנג פלעגט בייסן א מענטש פלעגט ער קוקן צו דעם שלאנג פון קופער און אזוי איז ער געבליבן לעבן.

ברענגט רש"י דעם חכמינו זכרונם לברכה (ראש השנה כט.): "וְכִי נָחָשׁ מֵמִית אוֹ נָחָשׁ מְחַיֶּה?" צי קען דען א שלאנג הרג'ענען אדער מאכן לעבן? "אֶלָּא בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְרַפְּאִין; וְאִם לָאו, הָיוּ נִמּוֹקִים", נאר וואס דען, ווען די אידישע קינדער האבן אויפגעהויבן זייערע אויגן צום אייבערשטן, זיי האבן אריינגענומען אין זיך די אמונה אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, דאן זענען זיי אויסגעהיילט געווארן, און אויב זיי האבן נישט געקוקט צום אייבערשטן זענען געשטארבן.

די זעלבע זאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (שם) אויפ'ן פסוק (שמות יז, יא): "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק", ווען משה רבינו האט געהאלטן זיינע הענט אין די הייעך האבן די אידן מנצח געווען, און ווען ער האט אראפגעלייגט זיינע הענט האט זיך עמלק געשטארק, איז שווער: "וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה", צי טוט דען משה רבינו'ס הענט מאכן מען זאל מנצח זיין אדער פארלירן? "אֶלָּא כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים; וְאִם לָאו, הָיוּ נוֹפְלִין", נאר וואס דען, משה רבינו איז געזיצן און געוויזן מיט זיינע הענט אויף ארויף, ער האט געזאגט פאר די אידן: "קוקט ארויף צום

אייבערשטן!״ ״האטס נישט מורא פון עמלק״.

דערפאר זאגט דער רבי (ספר המדות, אות המתקת הדין, סימן כה): ״מִי שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו, יִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׁמַיִם״, ווער עס האט דינים זאל קוקן שטענדיג אויפ׳ן הימל; דער רבי ניצט דעם לשון ׳יִסְתַּכֵּל׳, וואס דאס מיינט ׳קוקן מיט כַּוָּונָה׳, עס איז נישט גענוג דאס אז מען קוקט צום הימל, דאס טוט דאך יעדער, אפילו להבדיל גוים קוקן אויך אויפ׳ן הימל צו באטראכטן די נאטור פון די וועלט, אבער דער עיקר – זאגט דער רבי – איז דאס זיך דערמאנען פונעם אייבערשטן, אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, און ווען מען הייבט אן זען דעם אייבערשטן דעמאלט עפנט זיך דאס הארץ און מען הייבט אן רעדן צום אייבערשטן, און אזוי פאלן אוועק אלע דינים פונעם מענטש.

## די ערשטע זאך פון טאג: ׳התבודדות׳

איך בין געווארן זייער פרייליך, א אינגערמאן איז צוגעקומען צו מיר זאגענדיג אז ער הייבט נישט אן זיין טאג איידער ער גייט ארויס אינדרויסן פון זיין הויז און זעצט זיך אראפ אויף א בענקל און מאכט התבודדות, ער שמועסט פאר עטליכע מינוט מיט׳ן אייבערשטן, ערשט נאכדעם הייבט ער אן זיין טאג; דער רבי זאגט: ״אז מען רעדט – פועל׳ט מען״, איך זע אז מען פאלגט די דרשות וואס מען הערט, אז איך קען פועל׳ן ביי ענק צו פאלגן דעם רבי׳ן און טון זיינע עצות.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

## שבת קודש פרשת חקת, שנת תשפ"א לפרט קטן, אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק, סימנים תשע"א, תשע"ב.

## סימן תשעא:

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז: אִיז רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם רֶבִּי'ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (וַוייל גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן לֶעמְבֶּערְג הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צוּגֶעאַיילְט אוּן גֶעפָארְן פוּן מָאהַלוּב קַיין בְּרֶסְלֶב). וֶוען עֶר אִיז אַריינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר קוֹדֶם אָנְגֶענוּמֶען שָׁלוֹם פוּן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, דָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אַז עֶר מוּז שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט. אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן דֶערְפוּן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא וַוייל אִיךְ וֶועל עֶנְק נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן! אִיךְ וֶועל שְׁטֶענְדִיג זַיין צְוִוישְׁן עֶנְק!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַבִּיסְל וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אִין לֶעמְבֶּערְג, אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ נִסְתַּלֵק וֶוערְן דָארְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁרֶעק פוּן שְׁטַארְבְּן; דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּארִימְט ווִי שְׁטַארְק עֶר אִיז גֶעוֶוען מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען נִסְתַּלֵק צוּ וֶוערְן אִין לֶעמְבֶּערְג אָן קַיין מוֹרָא אוּן פַּחַד, נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִסְתַּלֵק וֶוערְן דָארְט, אֲפִילוּ עֶס לִיגְן דָארְט גְּדוֹלֵי עוֹלָם, גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן דָארְט צוּ לִיגְן וַוייל עֶס אִיז וַוייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן זֵיי וֶועלְן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט זַיין קֶבֶר. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶועגְן דֶעם טַעַם הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט נָאכְמַאמָאל פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַוייל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט מַיין קֶבֶר". דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְבֵּיי

מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז וֶוען אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים מִיט אַן הִתְעוֹרְרוּת וֶועט עֶר הָאבְּן גְרוֹיס תַּעֲנוּג דֶערְפוּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט תְּנוּעוֹת מִיט זַיין גוּף, אוּן דֶערְבֵּיי מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ פַּארְגֶענִיגְן אוּן תַּעֲנוּג אִין קֶבֶר וֶוען מֶען וֶועט דָארְט זָאגְן תְּהִלִּים, [עֶס לִיגְט אִין דֶעם בַּאהַאלְטֶענֶע פַארְבָּארְגֶענֶע זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין]. אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אִיז גֶעוֶוען אִין גְרוֹיס צַעַר הֶערְנְדִיג אַז דֶער רֶבִּי גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּ נִסְתַּלֵּק וֶוערְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט זִיסֶע רֵייד אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִים אַ גְרוֹיסֶע הָאפֶענוּנְג אַז עֶר וֶועט אוּנְז נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן, עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן צְוִוישְׁן אוּנְז. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הַקְּדוֹשִׁים הָאבְּן גֶעטוּן אוּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען (מִיט זֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים אוּן סְפָרִים) וָואס זֵיי הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען, דֶערְנָאךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אִיז זֵייעֶר זַאךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן, דְּהַיְנוּ, זֵייעֶר לִיכְטִיגְקֵייט וָואס זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת נָאר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט – אוּן אִיךְ וִויל מַאכְן אַן עִנְיָן וָואס זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג". אִינְמִיטְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מַיין פֵייעֶר'ל וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט מִיט זַיין גְרוֹיס שְׁוַואכְקֵייט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן אוּן הָאט אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען וואוּנְדֶערְלִיכֶע רְמָזִים וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט זִיךְ צִיעֶן זַיין עִנְיָן אוֹיף אַלֶע שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת. אוּן הָאט גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין זַיין עִנְיָן, אוּן הָאט אִים אַנְטְפְּלֶעקְט: "עֶס וֶועט נָאךְ אַסַאךְ אַסַאךְ אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף דִיר, נָאר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעלֶערְנְט". [רֶבִּי נָתָן – אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט הָאט עֶר גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר דָאס צוּ הֶערְן – פְּלֶעגְט עֶר אָבֶּער דֶערְצֵיילְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַז וֶוען נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט

דַאן גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי׳ן, וֶוער וֵוייסְט וָואס וָואלְט גֶעשֶׁען מִיט אִים צִי עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן, וַוייל עֶס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אִים וֶוער עֶס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אִים וְכוּ׳, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאגְלִיקְט זַיין וֶועג].

## דעם רבי׳נס וועג איז נישט פארגעסן געווארן

האט דער ראש ישיבה שליט״א אנגעהויבן: דאס וואס דער רבי זאגט: ״דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הַקְדוֹשִׁים הָאבְּן גֶעטוּן אוּן מְתַקֵן גֶעוֶועןְ (מִיט זֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים אוּן סְפָרִים) וָואס זֵיי הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶועןְ, דֶערְנָאךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אִיז זֵייעֶר זַאךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן, דְהַיְנוּ, זֵייעֶר לִיכְטִיגְקֵייט וָואס זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת נָאר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט – אוּן אִיךְ וִויל מַאכְן אַן עִנְיָן וָואס זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג״. זאגט מען נאך פון אסאך צדיקים, אלע האבן געזאגט די זעלבע אז דער דרך הבעל שם טוב איז פארגעסן געווארן; דער הייליגער סאטמאר רבי זכותו יגן עלינו ברענגט עס אין זיין ספר ׳ויואל משה׳ (מאמר שלש שבועות סימן קפה): ״נִשְׁתַּכַּח לְגַמְרֵי דֶרֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב״, עס איז אינגאנצן פארגעסן געווארן די וועג פונעם הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו; מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז דעם רבי׳נס וועג איז נישט פארגעסן געווארן, נאר עס ווערט נאר שטערקער, עס ווערט מער און מער פארשפרייט איבער די גאנצע וועלט, ווער עס קוקט נאר אריין אינעם רבי׳נס ספרים ווערט אים ליכטיג פאר די אויגן, ער הייבט אן באקומען א חיות אינעם דאווענען און אינעם לערנען, אלעס הייבט אים אן שיינען און לייכטן; דער רבי האט עצות און חיזוק פאר יעדן איד אין וועלכע מצב ער זאל נאר זיין, דער רבי האט א שפראך וואס רעדט צו אלעמען, סיי צו דָרֵי מַעְלָה – די וואס זענען ערליכע אידן, עס גייט זיי

גוט אין עבודת השם, זיי שפירן דעם אייבערשטן, און סיי צו דָּרֵי מַטָּה, די וואס ליגן וואו זיי ליגן, זיי פאלן נעבעך אראפ אין עבירות, זיי ליגן אין שאול תחתית רחמנא לצלן – זענען דעם רבי׳נס ספרים זייער מחזק.

## פארוואס נאר ׳ליקוטי מוהר״ן׳

מענטשן פרעגן מיר: פארוואס לערנסטו נאר ׳ליקוטי מוהר״ן׳, פארוואס איז דיר נישט גוט די אנדערע הייליגע ספרים, צום ביישפיל, ׳נועם אלימלך׳, ׳באר מים חיים׳ וכדומה? איך פארשטיי בכלל נישט די קשיא, געלויבט דער אייבערשטער אז איך לערן אלע הייליגע ספרים פון אלע צדיקים; און דאס וואס איך לערן אסאך דעם רבי׳נס ספרים, דעם רבי׳נס ספר זענען עפעס אנדערש, דער ׳ליקוטי מוהר״ן׳ איז א לעבעדיגע ספר, עס איז מיר מחיה און מחזק, עס מאכט מיר דאווענען און לערנען וכו׳.

פארגאנגענע וואך האב איך געזען אין א בית המדרש א גליון מיט חידושי תורה, קוק איך אריין צו זען וואס דארט שטייט, זע איך אז דארט שטייט ׳דרושים׳, ער טייטשט אויס דעם פסוק אזוי און אזוי; וואס זאל איך זאגן, דאס איז דער מציאות, נאר דער רבי איז מחזק, מענטשן דארפן היינט אסאך חיזוק צו קענען אנגיין אין לעבן, און דאס קען מען נאר טרעפן אין רבינ׳ס ספרים.

## סימן תשעב

שַׁבָּת פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ״א בְּתַמּוּז: אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (וַוייל פוּן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק בִּיז נָאךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת פִּנְחָס אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעזִיצְן בַּיים רֶבִּי׳ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פוּן גְרוֹיס גְלִיסְטֶענִישׁ, לוֹיטֶערְקֵייט, חַיּוּת אוּן לִיכְטִיגְקֵייט, וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיים רֶבִּי׳ן). אִין דֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר פִיל גֶערֶעדְט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי מַעֲלָה פוּן דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער

רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה", "מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט בִּירוּשָּׁה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, נָאר דָאס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַלְס מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ וֵוייס וָואס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז; אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶטְץ זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה". אִינְמִיטְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ עֶנְק בַּאפוֹילְן צוּ פַאסְטְן [דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ תִּיקוּן פַאר זַיין נְשָׁמָה, קוּק אַרַיין אִין סִימָן תקע"ב] יֶעצְט זָאג אִיךְ עֶנְק, עֶטְץ זָאלְט אוֹיפְהֶערְן פַאסְטְן, אִיר זָאלְט מֶער נִישְׁט פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים וָואס אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעגֶעבְּן, וַוייל דֶער וָואס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - הָאט זִיכֶער נִישְׁט פַארְוָואס צוּ פַאסְטְן, עֶס וֶועט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן דָאס פַאסְטְן וְכוּ׳, אוּן דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דַארְף זִיכֶער נִישְׁט פַאסְטְן ווִיבַּאלְד עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה". דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיר כַאפְּט נִישְׁט וָואס אִיךְ טוּ מִיט עֶנְק, פוּן אָנְהֵייבּ הָאבּ אִיךְ עֶנְק גֶעהֵייסְן פַאסְטְן, אוּן דֶערְנָאךְ בַּאפֶעל אִיךְ נִישְׁט צוּ פַאסְטְן".

## אפשר צוליב דעם ליידסטו היי יאר די אלע צרות און יסורים

דער רבי שרייבט דא גאר גרויס איבער דאס זיין ביי אים אויף ראש השנה; לעצטנס האב איך געטראפן דעם קונטרס ׳עצתו אמונה׳ וואס איז ארויסגעקומען נאך ראש השנה העבר עלינו לטובה, צווישן די אלע בריוון ווערט דארט זייער קלאר באשריבן די גאנצע פרשה וואס מיר זענען אריבער יענע תקופה וועגן אומאן און דעם אויספיר אז למעשה האבן מיר געמאכט דעם ׳קיבוץ׳ דא אין שטעטל; אזוי ווי דאס יאר בין איך אריבער גאר אסאך ביטערע צרות און יסורים, [נישט אלעס קען מען

שוין דערציילן, מען קען נאר דערציילן די זאכן וואס זענען שוין אריבער, די זאכן וואס זענען נאכנישט אריבער, וועט מען קענען דערציילן ערשט שפעטער] האט מיר דער אדוואקאט געפרעגט: "דו האסט נישט קיין שולד געפילן אויף דעם וואס דו ביסט היי יאר נישט געווען אין אומאן אז אפשר צוליב דעם ליידסטו היי יאר די אלע צרות און יסורים?" האב איך אים געענטפערט: "איך האב בכלל נישט קיין חרטה אויף דעם וואס איך בין געווען ראש השנה אין שטעטל, ווייל אין בין געווען ביים רבי'ן אויף ראש השנה! וואו מען רעדט פון רבי'ן, וואו מען פאלגט דעם רבי'ן - דארט איז דער רבי; מי לנו גדול פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס האט אזויפיל גערעדט און געשריבן וועגן זיין ראש השנה אין אומאן, מוהרא"ש האט קיינעם נישט אפגעשוינט נאר אפן געשריבן קעגן די אלע וואס ווילן איינרעדן אז דער קיבוץ איז אין מירון נישט אין אומאן, פון דעסט וועגן איז ער אליינס אויך געווען דריי יאר ראש השנה אין יבניאל, ווייל אין א פלאץ וואס מען פאלגט דעם רבי'ן, מען לעבט מיט'ן רבי'ן - דארט איז דער רבי".

## דער ברענעדיגן לייב

מיר האבן די וואך געהאט אין די גמרא (מסכת יומא דף סט:) די מעשה ווי אזוי מען האט גע'הרג'עט די יצר הרע פון עבודה זרה; די גמרא דערציילט: די אידישע קינדער האבן נישט אויסגעהאלטן די שווערע נסיון פון עבודה זרה, האבן זיי געשריגן צום אייבערשטן: "געוואלד! געוואלד! ווער האט צוגעברענגט עס זאל חרוב ווערן די בית המקדש, ווער האט צוגעברענגט אז אלע צדיקים זאלן שטארבן און אז מיר זאלן פארטריבן ווערן אין גלות? דער יצר הרע וואס מאכט אונז זינדיגן! האסט דאך נאר באשאפן דעם יצר הרע כדי מיר זאלן דורך אים באקומען שכר אויב מען אונטערטעניגט אים, בעטן מיר דיר, מיר דארפן נישט דעם יצר הרע און מיר דארפן נישט דעם שכר". איז אראפגעפאלן א צעטל

פון הימל וואס איז געשטאנען דערויף: "אֶמֶת", אז די אידן זענען טאקע גערעכט מיט זייער טענה, האבן זיך די אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה געפאסט דריי טעג און דריי נעכט, און מען האט איבער געגעבן פון הימל דעם יצר הרע אין זייערע הענט אז זיי קענען אים הרג'ענען, האבן די אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה געזען ווי עס גייט ארויס א פייערדיגע לייב פונעם קודש הקדשים, האט זיך זכריה הנביא אנגערופן: "קוק אן די ברענעדיגע לייב, דאס איז דער יצר הרע וואס מאכט אונז זינדיגן מיט עבודה זרה!" ווען מען האט געוואלט כאפן דעם יצר הרע, די ברענעדיגע לייב, האט זיך פון איר אפגעריסן עטליכע האר, און זי האט געגעבן א הויכע געשריי וואס מען האט דאס געקענט הערן ביז פיר הונדערט פרסה, (דאס איז בערך זעכצן הונדערט מייל), האבן זיך די אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה זייער דערשראקן, האבנדיג מורא אז דער אייבערשטער וועט רחמנות האבן אויף איר הערנדיג אירע קולות, האט דער נביא זכריה געזאגט מען זאל נעמען א גרויסע קעסל, א סאמאוואר פון בליי, און איר דארט ארייינלייגן און צודעקן מיט א דעקל פון בליי, ווייל בליי נעמט אריין דעם קול אין זיך וועט מען גארנישט ארויסהערן פון איר, און אזוי האט מען איר געהרגעט.

## "באשעפער איך האלט עס מער נישט אויס!"

דער גמרא איז א מורא'דיגע חיזוק פאר יעדן מענטש אויף 'התבודדות'; מען זעט אז ווען די אידן האבן געשריגן צום אייבערשטן אז זיי האלטן עס מער נישט אויס איז אראפגעפאלן א צעטל פון הימל וואס איז געשטאנען דערויף: "אֶמֶת", אז די אידן זענען טאקע גערעכט מיט זייער טענה; וואונדערט מען זיך זייער, אויב איז עס טאקע אזוי אז זייער טענה איז אן אמת'דיגע טענה, פארוואס האט דער אייבערשטער געווארט מיט'ן הרג'ענען דעם יצר הרע ביז די אידן האבן אזוי שטארק געשריגן צו אים?! נאר דאס איז די גאנצע זאך וואס דער אייבערשטער

וויל פון אונז, דער אייבערשטער ברענגט א נסיון אויף א מענטש ווייל ער וויל דער מענטש זאל זיך ווענדן צו אים, דער מענטש זאל קומען און וויינען צו אים: **"באשעפער איך האלט עס מער נישט אויס!" "באשעפער איך דארף נישט קיין שכר פאר דעם יצר הרע, נעם אים אוועק פון מיר, די נסיונות זענען געפערליך!"** און ווען דער מענטש טוט דאס, ער לויפט צום אייבערשטן דאן נעמט דער אייבערשטער אוועק דעם נסיון פון אים, און ער ווערט באפרייט פון די הענט פונעם יצר הרע. דאס לערנט אונז דער רבי אויס, א מענטש זאל דערציילן פאר'ן אייבערשטן ווי שווער זיינע נסיונות זענען, ווי שטארק ער מוטשעט זיך מיט זיין יצר הרע און דאס וועט ברענגען זיין ישועה.

## דער יצר הרע שרייט

נאך אן אינטערעסאנטע זאך זעט מען אין די גמרא; די אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה האבן געזאגט אז מען דארף אריינלייגן דעם ברענעדיגן לייב, דעם יצר הרע, אין א קעסל פון בליי, ווייל אויב ער וועט ווייטער שרייען קען זיין אז דער אייבערשטער וועט רחמנות האבן אויף אים און נישט לאזן הרג'ענען, זעט מען ווי גרויס די כח פון שרייען צום אייבערשטן איז, אפילו דער ערגסטער יצר הרע וואס רעדט צו מענטשן צו זינדיגן - אויב וועט ער שרייען צום אייבערשטן, וועט דער אייבערשטער רחמנות האבן אויף אים, איז דאך זיכער ווען א איד - סיי ווער ער זאל נאר זיין אפילו דער נידריגסטער איד, אויב גייט ער צום אייבערשטן און גיסט זיך אויס זיין הארץ, ער דערציילט אים ווי שטארק ער מוטשעט זיך מיט זיין יצר הרע, ווי שטארק ער מוטשעט זיך מיט זיינע שווערע נסיונות - וועט דער אייבערשטער זיכער רחמנות האבן אויף אים און אים העלפן פון זיינע שוועריקייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

## מפעל פרנס היום

שעל ידי כולל היכל הקודש ברסלב

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**א הארציגן דאנק פאר ידידינו היקר איציק מענדלאוויטש**

פאר מנדב זיין פרנס היום

דער אייבישטער זאל דיך בענטשן מיט ברכה והצלחה וכל טוב סלה ובכל אשר תפנה תשכיל ותצליח